**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט גרויסע פארשריט אינעם נייע אנטוויקלונג פון וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג און וויליארד דראג באהאנדלונג קאמפוס**

***פארעפנטליכט פארלאנג פאר פארשלאגן פון ווידער-אנטוויקלען דאס וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג מיט א געוויכט אויף האוזינג מיט אן אויסוואל פון דירה גרויסקייטן און פרייז שטאפלען***

***נייע סענעקא קאונטי RFP פאר הויפט דעוועלאפער צו ווידער-אויספלאנירן די 550-עיקער וויליארד דראג באהאנדלונג קאמפוס***

***רוקט פאראויס וויכטיגע רעקאמענדאציעס פונעם סטעיט'ס טורמע ווידער-אנטוויקלונג קאמיסיע צו שאפן נייע געלעגנהייטן און קאמיוניטי און עקאנאמישע בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר פארשלאגן צו איבערמאכן די געוועזענע וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג אין דזשעפערסאן קאונטי צו ווערן א וואוינונגס פראיעקט מיט אן אויסוואל פון דירה גרויסקייטן און פרייז שטאפלען, און לעצטע דערגרייכונג אינעם גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו איבערמאכט סטעיט-געאייגנטע פלעצער פאר נייע האוזינג. אויך, האט סענעקא קאונטי ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר פארשלאגן צו ווידער-אנטוויקלען די געוועזענע וויליארד דראג באהאנדלונג קאמפוס וואס געפונט זיך אין די טואן פון ראמיולאס צו ווערן א לעבהאפטיגע וואסערברעג פראיעקט וואס קען אריינגעמען א געמיש פון וואוינונגס, ביזנעס, פארוויילונג, און אנדערע באנוצן. די שריט זענען געבויעט אויפ'ן גאווערנער'ס פארשריט אין פאראויס רוקן וויכטיגע רעקאמענדאציעס פון די טורמע ווידער-אנטוויקלונג קאמיסיע באריכט צו נאכאמאל אויספלאנירן פארמאכטע טורמעס צו ווערן פארגעשריטענע נייע אנטוויקלונג פראיעקטן וועלכע פארשטערקערן נייע האוזינג, ארבעט געלעגנהייטן, און עקאנאמישע אקטיוויטעט ארום די סטעיט.

"מיר אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס דורך אנטוויקלען פון פריש פארמאכטע טורמעס און טרעפן וועגן צו איבערנוצן די ערטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ביידע די וואטערטאון און וויליארד פלעצער זענען אויף א גאנג פאראויס צו אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס, מאכן ניו יארק סטעיט א בעסערע פלאץ צו וואוינען און צושטעלן געלעגנהייטן פאר אלע."

**וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג**

די וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג RFP איז געאייגנט צו מוטיגן דאס אנטוויקלונג פון האוזינג אין א געמיש פון דירה גרויסקייטן און פארשידענע פרייזן אויפ'ן 108-עיקער פלאץ. דאס וועט נישט בלויז פארמערן האוזינג אויסוואלן, נאר עס וועט אויך אויסברייטערן די קאמיוניטי און שטעלן א ליידיגע סטעיט-געאייגנטע פראפערטי צוריק אין ווירקזאמע באנוץ. די RFP לייגט צום ערשט פארשלאגן וועלכע

אנטוויקלען ביליגערע האוזינג און פינאנציעלע הילף וועט מעגליך זיין אוועילעבל פאר דער באשטימטער דעוועלאפער פאר בארעכטיגטע קאסטן.

איך, ווען באשטימטע דעוועלאפערס מעגליך זיין בארעכטיגט זיך איינצוגעבן פאר ביז 8 מיליאן דאלאר אין עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גרענט געלטער פאר בארעכטיגטע קאפיטאל קאסטן פארבינדן מיט נאכאמאל אנטוויקלען דעם פלאץ. די RFP איז אוועילעבל אויפ'ן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועבזייטל. די באזוך אויפ'ן ארט וועט פארקומען יולי 25, 2024 און פארשלאגן מוזן ווערן אריינגעגעבן ביז אוגוסט 30, 2024.

**ווילארד דראג באהאנדלונג קאמפוס**
גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן אז סענעקא קאונטי האט ארויסגעגעבן אן RFP פאר א הויפט דעוועלאפער פאר די געוועזענע ווילארד דראג באהאנדלונג קאמפוס אין די טאון פון ראמיולאס. סענעקא קאונטי האלט אינמיטן ארבעטן אויף אן איבערגאנג פונעם ארט פון ניו יארק סטעיט צו די קאונטי צו עס קענען ווידער-אנטוויקלען. די RFP צילט צו אידענטיפיצירן א געוואונטשענע מייסטער דעוועלאפער מיט וועמען דער קאונטי וועט אריינגיין אין א פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ אפמאך צו ווידער-אנטוויקלען די גאנצע פלאץ איינמאל דאס איבערגאנג איז פארענדיגט. די 550-עיקער פלאץ, וואס נעמט אריין מער פון 75 געביידעס און א מייל פון סענעקא לעיק ברעג, איז ארויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע רעגיסטראר פון היסטארישע ערטער. די קאמפוס פארמאגט א רייכע היסטאריע וואס גייט צוריק צו 1853 און איז גלייך נעבן סאמפסאן סטעיט פארק. די קאונטי האט פארשפראכן 500,000 דאלאר צו ארויסהעלפן דעם געוואונטשענעס מייסטער דעוועלאפער אין פאראויס רוקן די נייע אנטוויקלונג פלאן. די קאונטי זוכט אויך צו אידענטיפיצירן פאטענציאלע דעוועלאפמענט מיטארבעטער מיט אינטערעסע אין ספעציפישע טיילן פונעם ארט.

אינטערסערטע פארטייען זענען געלאדנט איבערצוקוקן די איינצלהייטן פונעם ארט און אריינגעבן אן ענטפער אויפ'ן RFP נישט שפעטער ווי 5:00 נאכמיטאג אויף אקטאבער 15, 2024. די RFP און באזוך אינפארמאציע זענען ארויפגעלייגט אויף די סענעקא קאונטי וועבזייטל.

די פארלאנג פאר פארשלאגן רוקט פאראויס די רעקאמענדאציעס פון די טורמע ווידער-אנטוויקלונג קאמיסיע, א פופצן-מיטגלידער פאנעל פון ריעל עסטעיט, קאמיוניטי און עקענאמישע אנטוויקלונג, קרימינאלע גערעכטיגקייט ריפארם, און רעגירונג עקספערטן צוזאמגענומען דורך די גאווערנער אין 2022 צו ווידער-אנטוויקלען פארמאכטע טורמעס צו פארגעשריטענע נייע אנטוויקלונג פראיעקטן. אין דעצעמבער פון 2022, האט די קאמישן איבערגעגעבן רעקאמענדאציעס צו די גאווערנער וועלכע רעכנט אריין:

- פריאטאריזירן די ארויסגעבונג פון צוויי פארלאנגען פון פארשלאגן און צושטעלן שטיצע פאר ESD דורך די RFP פראצעדור.
- אנהייבן א טורמע איבער-אנטוויקלונג פאנד, א געלט גרענט פראגראם וואס וועט מאכן געלטער אווילעבל צו דעוועלאפערס און/אדער לאקאליטעטן וואס באקומען פלעצער פון די סטעיט.
- מאכן א שטאטישע טעכנישע הילף פאנד צו העלפן קאמיוניטיס מיט פארמאכטע טורמעס אפערירן די פארמאכטע פאסיליטיס (צ.ב. באקומען און אויפהאלטן אינפראסטרוקטור).
- אויפשטעלן א קאמיוניטי מיטארבעט פראצעדור צו שטיצן אוטריעטש און קאנצענזוס צו בויען אין באטראפענע קאמיוניטיס.
- פריאטאריזירן האוזינג אין צוקונפטיגע טורמע oRFP אדער אנדערע טורמע איבער-אנטוויקלונג באמיאונגען.
- נאכפארשן באנייבארע ענערגיע געלעגנהייטן און שותפות.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO, און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,**
"אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, מוטיגן מיר פובליק-פריוואטע שותפות'ן און מיר ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע מיטארבעטער צו אויספלאנירן פון פריש געוועזענע טורמע פלעצער און מוטיגן נייע אינוועסטירונגען צו ברענגען פאזיטיווע, גלייכע עקענאמישע אנטוויקלונג. דורך די טורמע איבערמאכונג קאמישן, זענען רעקאמענדאציעס געווארן פארגעשלאגן צו שטיצן די אדאפטיווע איבער-באנוץ און איבערבויאונג פון אמאליגע סטעיט טורמע פאסיליטיס. די צוויי פארגעשריטענע RFP'ס טרעטן פאר די קומענדיגע שריט אין עפענען לעבהאפטיגע וואונונגס קאמיוניטיס וועלכע וועלן ווייטער אדרעסירן די סטעיט'ס האוזינג קריזיס און ברענגען עקענאמישע וואוקס."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ען וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די RFP הײנט איז ווייטער א ביישפיל פון גאווערנער האקול'ס אנטשלאסנקייט צו נוצן אן אויסוואל פון סטראטעגיעס צו פארבעסערן פרייזן פאר ניו יארקער און שאפן נייע האוזינג אויסוואלן אין יעדע ראיאן פונעם סטעיט. דאס ווידער-אנטוויקלונג פון די וואטערטאון פארערעכטיגונגס איינריכטונג און די וויליארד דראג באהאנדלונג צענטער שטעלט צו א באדייטפולע געלעגנהייט צו ברענגען נאך היימען צו די צפון קאנטרי און פינגער לעיקס, און לייגט צו צו די עקאנאמישע וואוקס אין אפסטעיט ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פארערעכטיגונגס און קאמיוניטי אויפזיכט קאמישאנער דאניעל פ. מארטוסקעלא III האט געזאגט,** "דאס שליסונג פון סיי וועלכע פארערעכטיגונגס איינריכטונג איז א שווערע באשלוס, אבער אויסוועלן א פלאץ וואס האט די פאטענציאל פאר איבערנוץ און פרישע אנטוויקלונג איז א קריטישע פאקטאר פונעם פראצעדור. צוליב דעם, מוטיגט אונז צו זען ווי פארשריט ווערט געמאכט מיט די געוועזענע וואטערטאון פארערעכטיגונגס איינריכטונג ארט, וויליארד דראג באהאנדלונג קאמפוס און די פארלאנג פאר פארשלאגן ארויסגעגעבן דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וואס איז אינעם גאנג מיט נישט נאר די גאווערנער'ס האוזינג אינציאטיוו, נאר אויך רעקאמענדאציע געמאכט דורך די טורמע נייע אנטוויקלונג קאמיסיע. איך קוק פאראויס צו זען וואס ווארט אונז אפ פאר די פלעצער און די פאזיטיווע אפעקט אויף די לאקאלע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער דזשינעט מאוי האט געזאגט,** "דאס איבערגאנג פונעם געוועזענע וואטערטאון פארערעכטיגונגס איינריכטונג און וויליארד דראג באהאנדלונג קאמפוס דינט אלס ביישפילן פון וויאזוי איבערנוצן סטעיט פראפערטיס וועלכע ווערן נישט גענוג אויסגענוצט קען העלפן ערפולן די געברויכן פאר פארזיכערטע און ביליגערע האוזינג אינעם צייט פון פארשטערקערן די סטעיט'ס עקאנאמיע. אלס א מיטגליד פון גאווערנער האקול'ס טורמע נייע אנטוויקלונג קאמיסיעס, אפלאדיר איך די גאווערנער פאר'ן פארוואנדלען די קאמיסיע'ס רעקאמענדאציע צו ווערן קראנטע שריט וואס וועט זען דאס נייע עפענונג פון די פלעצער און בענעפיטירן די וואטערטאון און ראמיולאס קאמיוניטיס."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז אנטשלאסן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט א לאנדמארק אפמאך צו פארמערן ניו יארק'ס האוזינג סופליי דורך נייע שטייער באלוינען פאר אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע באלוינונג און זאונינג פארלייכטערונג צו מוטיגן צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלאר קאפיטאל פאנד צו בויען ביז 15,000 נייע היימען אויף סטעיט-געאייגנטע פראפערטי, און נאך 600 מיליאן דאלאר אין געלטער צו שטיצן אן אויסוואל פון האוזינג דעוועלאפמענט לענגאויס די סטעיט, און נייע שיצונג מאסנאמען פאר דינגערס. די מיטלען קומען נאך די היסטארישע געלטער וואס די גאווערנער האט פארזיכערט אין די פסיקאלע יאר 2023 אוועקגעשטעלטע בודזשעט פאר א פינף-יאר, 25 ביליאן

דאלארדיגע האוזינג פלאן צו בויען און אנהאלטן 100,000 יוניטס פון עפארדעבל האוזינג איבער די גאנצע סטעיט.

אין צוגאב, האט גאווערנער האקול אויך גענומען פאזיטיווע שריט איבערצומאכן אנדערע אמאליגע טורמע סייטס, מיט א דגש אויף האוזינג. לעצטע יאר, האט די גאווערנער אויסגערופן די פארשלאגן מיט א שאנס צו געווינען איבערצובויען די אמאליגע לינקאן קארעקשינעל פאסיליטי אין ניו יארק סיטי צו א געמישטן-באנוץ דעוועלאפמענט מיט 105 יוניטס פון צוגענגליכע האוזינג מיט ארטס און קאמיוניטיס פלאץ. אויך, האט די גאווערנער לעצטנס געמאלדן די געוואונס פארשלאג פאר דאונסטעיט פארערכטיגונג וואס געפונט זיך אין פישקיל, דאטשעס קאונטי, צו ווערן א לעבהאפטיגע, געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט וואס וועט געבן נייע האוזינג און קאמיוניטי פלאץ. די גאווערמענט האט אויך אנגעהויבן פארלאנגען פאר פארשלאגן איבערצומאכן בעיוויו קארעקשינעל פאסיליטי אין ניו יארק סיטי, מיט א שטארקן דגש אויף האוזינג. אין צוגאב, האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט אויך סוקסעספול איבערגעמאכט ליווינגסטאן קארעקשינעל פאסיליטי, לאקירט אין די טאון אוו גראוולענד, צו די ליווינגסטאן קאונטי אינדאסטריעל דעוועלאפמענט עידשענסי, פאראויסריקנדיג א הויכפונקט רעקאמענדאציע פון די טורמע איבערמאכונג קאמישן'ס באריכט.

**סטעיט סענאטאר טאמעס פ. א'מארא האט געזאגט,** "דאס טרעט פאר א וויכטיגע טריט פאר סענעקא קאונטי אין ריכטונג פון צוקונפטיגע נייע אנטוויקלונג פונעם פלאץ פון די געוועזענע ווילארד דראג באהאנלדונג קאמפוס. מיר קוקן פאראויס צו ארבעטן נאנט צוזאמען מיט די סטעיט צו ארויסהעלפן מיט די קאונטי'ס אנגייענדע באמיאונגען צו בויען א פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ וואס וועט ערדייכן א פרייליכע און ווירקזאמע איבערנוץ פון די ווערדפולע פראפערטי פאר די צוקונפט פון סענעקא קאונטי'ס קאמיוניטיס, איינוואוינער, און שטייער-באצאלער."

**אסעמבלימיטגליד סקאט א. גרעי האט געזאגט,** "דאס אנפירונג פון סטעיט-געאייגנטע פראפערטיס איז געווען א הויפט פראבלעם פאר מיין אפיס דורכאויס מיין צייט אינעם אסעמבלי, צו עס איז די נישט-קאמישענ'טע טורמעס, די פסיכיאטרישע צענטער אדער SUNY קאמפוסן, דארפן מיר אנפירן די סטעיט-געאייגנטע פראפערטיס, און מיר דארפן מאכן זיכער אז זיי ווערן דערנאך גענוצט אויפ'ן גרעסטע פארנעם מעגליך. הערן די נייעס פון אן RFP פאר די וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג איז א גרויסע טריט אינעם ריכטונג פון עס גוט אויסנוצן. איך וועט ווייטער ארבעטן שווער צו מאכן זיכער אז די פלאן ווערן פארענדיגט און די איינריכטונג ווערט גענצליך אויסגענוצט. א דאנק גאווערנאר האקול פאר פאראויס רוקן דעם פראיעקט."

**דזשעפערסאן קאונטי באורד פון לעגיסלאטורס טשעיר וויליאם וו. דזשאנסאן האט געזאגט,** "דאס איז געוואלדיגע נייעס; מיר שעצן דאס אז די סטעיט נעמט טריט אינעם ריכטונג פון אויסנוצן די ליידיגע וואטערטאון פאררעכטיגונגס איינריכטונג, וואס וועט העלפן אדרעסירן די האוזינג געברויכן אין דזשעפערסאן קאונטי."

**וואטערטאון טאון סופערווייזער דזשאול בארטלעט האט געזאגט,** "מיר נעמען אויף מיט פרייד די גאווערנער'ס באשלוס צו איבערטוישן די געוועזענע דריי היל טורמע צו ווערן האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן און קוקן פאראויס צו די געלעגנהייט צו צוריקבאקומען די פראפערטי צוריק אויפ'ן טאון און קאונטי שטייער ראלס נאך אסאך יארן וואס עס איז געווען אויסגעשלאסן פון באצאלן שטייערן. מיר אלע באשטעטיגן די נויטיגקייט פאר מער האוזינג אין ניו יארק סטעיט, און ספעציפיש די גרויסע נויט אין די וואטערטאון געגנט, און די גאווערנער'ס איניציאטיוו צו שטיצן נייע און צוגעקומענע האוזינג וועט העלפן נאכקומען די יעצטיגע און צוקונפטיגע געברויכן פון די געגנט."

**סענעקא קאונטי באורד פון סופערווייזערס טשעירמאן מייקעל ענסלאו האט געזאגט,** "סענעקא קאונטי וואלט נישט געקענט זיין מער פריייליך צו ארבעטן צוזאמען מיט די סטעיט און פילע אנדערע אגענטורן צו אנהויבן וואס וועט זיין א היסטארישע ערווייכונג פאר די נייע אנטוויקלונג פון די ווילארד קאמפוס. מיר זענען גאר איבערראשט צו זען ווי די פראיעקט גייט אריין אין קראפט, אוןווארטן מיט שפאנונג צו זען וואס די צוקונפט וועט זיין פאר דעם ארט."

**סענעקא קאונטי עקאנאמישע דעוועלאפמענט, טוריסם און האוזינג טשעיר דזשעפרי טראוט האט געזאגט,** "סענעקא קאונטי איז גענצליך אנשלאסן צו וואס וועט זיין דאס מערסטע באדייטפולע פובליק-פריוואטע אינוועסטירונג אין אונזער היסטאריע. די פארבינדענע פארבעסערונגען אין טוריסם, האוזינג, און אינפראסטרוקטור וועט פאראויס רוקן די גאנצע פינגער לעיקס ראיאן."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן